# משיחת ש״פ משפטים תשט״ו

ד. אויפן פסוק מי בעל דברים יגש אליהם, וואס אין היינטיקע סדרה, לערנט אפ די גמרא פון דעם, מכאן שנזקקין לתובע תחילה, ווייל ער איז דער בעל דברים. איינע פון די נ"מ׳ס צו ווען מען איז נזקק תחילה, איז לגבי מודה במקצת שמחוייב בשבועה, וואס דער דין פון הודאה איז דוקא אויב ער איז מודה אויף א תביעה, ווי איז אויב ער איז מודה מעצמו, און ערשט דער נאך מאנט יענער, האט דאס ניט קיין דין פון הודאה. קומט דאך אויס א נ"מ, אז אויב נזקקים לתובע תחילה וועט ער זיין מחויב בשבועה, און אויב לנתבע תחילה וועט ער זיין פטור משבועה.

פונדעסטוועגן, ברייננט די גמרא, הגם אז מען לערנט אפ פון פסוק, שנזקקים לתובע תחילה, ווי איז אבער בשעת דער נתבע טענה׳ט אז זילו נכסי׳, יעמולט איז מען ניט נזקק צום תובע, און אויף אזא אופן פטר׳ט ער זיך פון א שבועה.

ה. אלע ענינים שבגליא דתורה זיינען דאך פאראן אויך אין רוחניות, ואדרבה, ווייל די ענינים זיינען פאראן אין רוחניות קומען זיי אראפ אויך אין גליא, איז דער ענין פון דעם אין רוחניוו איז:

עס שטייט טאקע אין הקב"ה מבקש אלא לפי כחן, פונדעסטוועגן איז דאך אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא, צי א חטא כפשוטו צי חטא מלשון חסרון כמ"ש אני ושלמה בני חטאים, אבער לגבי למעלה איז דאך דאס אויך ווי א חטא און נאך הארבעד ווי א חטא.

צוריק גערעדט, שטייט אז אפילו פושעי ישראל מלאים מצות כרימון, זיי האבן אויך עפעס, נמצא אז יעדער איד איז א מודה במקצת, ווארום יעדער איינער האט עפעס און יעדער איינעם פעלט עפעס.




הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשט"ו תשט"ז שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 175 הודפס מ

איז בשעת דער יצה"ר הוא השטן, וואס פריער איז ער מסית דעם אדם לחטוא און דער נאך רופט ער אים צו א דין תורה, עד האלקים יבוא דבר שניהם פאר דעם על כל דבר פשע, בסיבת נה"ב פון שור חמור שה ושלמה, וואס מצד דעם איז געקומען דער אבידה, עס האט זיך פארלאדן די כחות דנה"א, ווי מען האט גערעדט דעם פירוש פון דעם פסוק באריכה בשם הצ"צ בשמח"ת ובשבת בראשית,

איז בשעת דער יצה"ר רופט דעם אדם צו א דין תורה, און ער איז דאך א מודה במקצת, איז ער במילא מחויב בשבועה, וואס אין א שבועה שטעלט ער אלץ איין אין כאן, כדאי' אז צוליב א שבועה נזדעזע כל העולם, ונחרבו ששים אלף עיירות, דלכן צריך ליזהר אפילו משבועת אמת,

איז די עצה אויף דעם איז ער זאל טענה'ן אז זילו נכסי', וואס דורך דעם וועט ער פטור ווערן פון דער שבועה.

ו. עס איז פאראן א מאמר מכ"ק אדמו"ר הצ"צ אויף דער גמרא וואס ריב"ז קודם פטירתו האט געוויינט און געזאגט ואיני יודע באיזה דרך מוליכין אותי, פרעגט ער אין מאמר, וואס האט דאס אים עפעס געארט בשעת פטירתו דוקא, א גאנצן לעבן האט ער נוהג געווען נשיאותו ברמה און האט געלערנט מיט תלמידים, ולא הניח דבר גדול ודבר קטן, און עס האט אים גאר ניט געבאדערט (ווי מען זאגט דאס אין אמריקה) דער ואיני יודע באיזה דרך, און קודם פטירתו האט ער געוויינט, ואיני יודע כו'?

בא המון עס איז די הבנה אין גהנם וגן עדן אז בגהנם בראט מען און אין ג"ע גיט מען לויתן ושור הבר, אבער בא א צדיק ווי ריב"ז איז דאך פשיטא אז אים האט נִיט געארט דער שכר ועונש, נאר דער עצם מציאות וואו געפינט זיך עצם נפשו צי אין א מצב דעמקי הקדושה אדער להיפך ח"ו, היינט אויב עס איז נוגע דער ענין אליין (ניט דער שכר ועונש) דארף דאס ארען א גאנצן לעבן און ניט קודם הפטירה דוקא?

ענטפערט ער דארטן אין מאמר, אז א גאנצן לעבן איז ריב"ז געווען פארנומען במילוי השליחות, ווארום יעדער איד האט דאך א שליחות און א תפקיד וואס דארף אים ממלא זיין כל ימי חייו, און האט ניט קיין לוידיקע צייט, במילא איז ער געווען אזוי פיל פאריאגט במילוי תפקידו ושליחותו, אז ער האט קיין מאל קיין צייט ניט געהאט צוטראכטן וועגען זיין מצב וואס מיט אים טוהט זיך, ווייל ער האט געהאט כסדר ארבעט, צי בלימוד התורה צי בקיום המצות.



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשט"ו תשט"ז שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 176 הודפס ע

אוצר החכמה

נאר קודם פטירתו דוקא, איז אזוי ווי די גמרא דערציילט אויף רבה בר נחמני, אזוי אויך אויף דוד המלך, אז לא פסיק פומא מגירסא עד שמה"מ לא הי׳ יכול לשלוט בו, און קודם פטירתו האט מען געמאכט עס זאל זיין א ווײַלע פסיק פומי׳ מגירסא, אזוי איז בא ריב"ז אז קודם הפטירה האט ער אויף א ווײַלע מפסיק געווען פון דער ארבעט, און די ווײַלע האט ער א טראכט געטאן וועגן זיך, איז ווי ער האט נאר א טראכט געטאן וועגן זיך, האט ער זיך באלד שטארק פאנאנדערגעוויינט ואיני יודע באיזה דרך מוליכין אותי.

און דאס איז די טענה פון זילו נכסי׳. די נכסים פון א אידן איז די כחות מיטן זמן וואס דער אויבערשטער גיט אים. איז בשעת ער טענה׳ט אז ער איז א שליח, ער איז פארנומען מיט דעם אויבערשטנס ארבעט און האט ניט קיין צייט צו גיין אויף דיך תורה׳ס, לאזט מען אים אפ, ער ווערט פטור פון א שבועה, און ס׳איז גענוג די הודאה זיינע אן א שבועה, און האט נאמנות אז ער וועט צאלן.

דאס הייסט אז מען דארף ניט טראכטן לגמרי וועגן זיך, ניט וועגן דעם גשמיות׳דיקן מצב, ניט וועגן דעם רוחניות׳דיקן, מען דארף כסדר זיין פארנומען אין מילוי השליחות, וואס יעמולט גיט מען ארוים פון דעם אייגענעם מציאות, און מען ווערט דער מציאות המשלח.

בכדי צו פועל׳ן דאס בא זיך, אויף אדאפנעמען אלע העלמות והסתרים, איז דאס דורך שמחה, דשמחה פורץ גדר, ובפרט בחודש אדר דמרבים בשמחה, און די חכמים האבן נאך מוסיף געווען פון שבת מברכים אן, אז פון די שמחה דשבת מברכים זאל מען גיין באלד צו שמחת פורים, און מסמיכים גאולה לגאולה, צו די גאולה דפסח, וכימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות, לעתיד לבוא, ב"ב.

ממאמר ד״ה לא תהי׳ משכלה תשי״ב

דעקרה), צ״ל הזהירות שיהי׳ להם קיום (השלילה דמשכלה), שדוקא אז העבודה היא אמיתית, כמ״ש[64] שפת אמת תכון לעד.

ו) **אך** עוד אחת צריך לשית עצות בנפשו, שגם כאשר עובד עבודתו כדבעי, הן בנוגע להשגה שבמוח, והן בנוגע להמדות שבלב, שהם בהתגלות לבו, ואינם דמיונות שוא, אלא אהבה ויראה אמיתיים, ונרגשים גם בקיום התומ״צ, שנוסף על קיום התומ״צ בפועל ממש, יודע הוא כוונת המצוות, ויודע גם ההמשכות שנעשות ע״י קיום המצוות [שע״י עבודת הצדקה ההמשכה היא בקו החסד, וע״י עבודת הגבורה, משפט גו׳ ביעקב[65], נעשית ההמשכה בקו הגבורה, וע״י לימוד התורה, שהוא קו האמצעי, נעשית ההמשכה בקו האמצעי], ועד שעבודתו היא באופן המרומז בדיוק לשון הכתוב ועבדתם את הוי׳ אלקיכם, ששם הוי׳, הי׳ הוה ויהי׳ כאחד, ולמעלה יותר בחינת הוי׳ שלמעלה מהשתלשלות, נעשה אלקיכם, כחכם וחיותכם[66], הנה גם בהיותו במעמד ומצב כזה, צריך להזהר שלא תהי׳ לו שביעות רצון מעבודתו, שאז נשאר לעמוד על עמדו ואינו מוסיף להלך בעבודתו (ער שטעלט זיך אָפּ און גייט ניט ווייטער). כי, נוסף לזה שהרגש דשביעות רצון יכול לגרום לכך שהאהבה ויראה שכבר נולדו ונתגלו לא יהיו בקיומם (שזהו״ע דמשכלה), הנה גם בשעה שעובד עבודתו באהבה ויראה, תהי׳ עבודתו במדידה והגבלה, במדה הנדרשת משביעות הרצון שלו[67]. ועז״נ לא תהי׳ משכלה ועקרה בארצך, בארצך דייקא, שארץ הוא מלשון רצון[68], היינו, שלא יורגש אצלו אפילו שביעות רצון בלבד מעבודתו (ופשיטא שלא יהיו נרגשים הרצונות שלו, שאז הוא כלי מלא שאינו מחזיק, שאין לו בית קיבול כלל, בחינה הא׳ דעקרה הנ״ל).

**וממשיך** בכתוב את מספר ימיך אמלא[69], שזוהי העצה היעוצה כדי לפעול בנפשו הרגש של העדר שביעות הרצון. והענין בזה, שכאשר האדם מתבונן שניתנו לו ימים קצובים, ימים יוצרו גו׳[70], לא

---

64) משלי יב, יט. וראה אוה״ת פרשתנו שם ע׳ א׳רסה.

65) תהלים צט, ד.

66) ראה תו״א שם עט, א. תו״ח פרשתנו תלא, ב [רצו, ד]. אוה״ת שם ע׳ א׳רנה.

67) ראה תו״א שם עח, סע״ד. תו״ח שם תלא, א [רצו, ד]. אוה״ת שם ריש ע׳ א׳רנה.

68) ב״ר פ״ה, ח ובמתנות כהונה שם.

69) בהבא לקמן — ראה תו״א פרשתנו עט, סע״ב ואילך. תו״ח שם תלז, א ואילך. אוה״ת שם ע׳ א׳רסא ואילך. סה״מ תרצ״ב ע׳ רכג.

70) תהלים קלט, טז. וראה זח״א רכד, א. תו״א שם. תו״ח שם תלז, ב ואילך. אוה״ת שם. וראה גם ד״ה וידבר גו׳ וארא שנה זו (לעיל ע׳ קצז). ד״ה ואברהם זקן תשל״ח (תו״מ סה״מ חשון ע׳ שז ואילך). וש״נ.

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
תורת מנחם - ספר המאמרים (תשי״א-תשי״ב) שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד

פחות ולא יותר, ובכל יום, ובכל שעה ובכל רגע צריך לעבוד עבודתו למלא שליחותו בעלמא דין, הרי הוא טרוד בזה כל כך עד שאין לו פנאי כלל לחשוב אודות ענינים של מדריגות. וע"ד מאמר רבן יוחנן בן זכאי[71] איני יודע באיזו דרך מוליכין אותי, ומהביאורים בזה[72], שמצד גודל טרדתו במילוי שליחותו לא הי' לו פנאי לשים לב (צוהערן זיך) למדריגות שלו[73]. והיינו, שהוא טרוד ושקוע כל כך (ער איז אזוי פיל פאַריאָגט, פאַראיינגט און פאַרטרונקען) במילוי שליחותו בכל יום ובכל שעה ובכל רגע, שאינו יודע מה נעשה עם שׂכלו ומדותיו, ועאכו"כ בנוגע למדרגות הנעלמות שבנפש[74]. ומזה מובן במכ"ש וק"ו שלא שייך אצלו רגש של שביעות רצון, כי, בידעו שבכל רגע ורגע צריך למלא את שליחותו, ואם עובר רגע שאינו עובד עבודתו, ה"ז לא רק שהי' יכול להתעלות ולשגשג בעבודתו (ער האָט געקענט שטייגן) ולא עשה כן, אלא עוד זאת, שברגע זה שאינו עובד עבודתו, מורד[75] הוא במלך מלכי המלכים הקב"ה בכך שאינו ממלא את שליחותו, הרי, לא זו בלבד שלא שייך אצלו הרגש של שביעות רצון, בארצך, אלא אדרבה, ווען מען פרעגט אים וואָס איז באַ דיר מיטן בארצך, זועק הוא (שרייט ער אויס) במר נפשו: מה לי רצון, מה לי תענוג, מה לי אהבה, מה לי יראה (וואָס מיר רצון, וואָס מיר תענוג, וואָס מיר אהבה, וואָס מיר יראה), כיצד יכול לחשוב על ענינים של מדריגות בה בשעה שצריך לעמוד על המשמר שלא יעבור אפילו רגע אחד במצב של מרידה במלכות ח"ו מצד החסרון במילוי השליחות ברגע זה.

ז) **והנה** כאשר האדם מקיים הציווי לא תהי' משכלה ועקרה בארצך, שעושה כל אשר ביכלתו שתהי' עבודתו באהבה ויראה אמיתיים שיש להם קיום, ומתוך העדר שביעות רצון כו' כנ"ל, אזי מוסיפים ומבטיחים לו מלמעלה שלא תהי' (בלשון הבטחה) משכלה ועקרה בארצך[76].

**ועפ"ז** יש להוסיף ביאור במש"נ את מספר ימיך אמלא, אמלא דייקא, שזהו"ע שבא מלמעלה דוקא (נוסף על ההתבוננות דהאדם במספר

---

71) ברכות כח, ב.

72) ראה עוד ביאורים במאמרי אדה"ז הקצרים ע' שט. ועם הגהות — אוה"ת פינחס ע' א'נט ואילך. סה"מ תרכ"ו ע' קעא ואילך. תרמ"ו ע' יד ואילך. תרצ"ו ע' 50 ואילך.

73) להעיר מקיצורים והערות לתניא ע' מז.

74) להעיר מד"ה ויקח ה"א שנה זו (לעיל ע' קנח). ד"ה בראשית ברא תשי"ג (סה"מ תשי"ג ע' כה ואילך).

75) בחלק זה דהמאמר פרץ כ"ק אדמו"ר שליט"א בבכי רב, והניח ראשו הק' על השולחן, ורק לאחרי משך זמן המשיך באמירת המאמר (המו"ל).

76) חסר קצת (המו"ל).

הימים שנקצבו לו), ובזה גופא בלשון נוכח, ע״י שלישי המדבר, בחינת עצמות ומהות א״ס ב״ה שלמעלה מהשתלשלות (כנ״ל). והענין בזה, שגם אם יש איזה פגם וחסרון במספר הימים דעבודת האדם, שהיו אצלו ימים שבהם לא מילא את שליחותו, או אפילו ימים שבהם עשה גם ענינים בלתי־רצויים כו׳, הרי מצד בחינת שלישי המדבר שלמעלה מהשתלשלות, ששם לא שייך ענין של פגם, מתמלא מספר הימים הקצוב לו, ועוד יותר מכפי הקצוב כו׳, שכל הימים נעשים מלאים[77], ולא רק ימים מלאים, אלא גם ימים מאירים, שזהו הדיוק דמספר ימיך[78], מספר מלשון[79] השמים מספרים פי׳ דמנהרין ומנצצין[80], ומלשון אבן ספיר, שהוא לשון ספירות ובהירות.

**וזהו** גם מש״נ והסירותי מחלה מקרבך בלשון נוכח, כשלישי המדבר. דהנה, המחלה שעלי׳ נאמר והסירותי גו׳, היא מחלה כזו שיכולה להיות גם כאשר ועבדתם את הוי׳ אלקיכם, וגם כאשר וברך את לחמך ומימיך, דלחמך ומימיך קאי על תורה שבכתב ותורה שבעל פה[81], או תורה ומצוות[82], ועז״נ וברך את לחמך ומימיך, שהעבודה בתומ״צ היא מצד הברכה דשם הוי׳, וגם אז עדיין יכולה להיות מחלה, וצ״ל והסירותי מחלה גו׳ ע״י שלישי המדבר דוקא. והענין בזה[83], שמחלה שנאמרה כאן, מחלה סתם, היא השורש לכל המחלות, והיא הענין דהרגש עצמו שבא בסיבת חטא עץ הדעת[84], כידוע שקודם החטא לא הי׳ הענין דהרגש עצמו, וכמ״ש[85] ויהיו שניהם גו׳ ולא יתבוששו, וענין החטא הוא שנעשה הרגש עצמו, כמ״ש[86] ותרא האשה כי טוב העץ למאכל גו׳. וזהו שגם כאשר ועבדתם את הוי׳ אלקיכם וברך את לחמך ואת מימיך יכול להיות (וישנו) ענין המחלה, שהו״ע הרגש עצמו, כיון שחטא עץ הדעת פעל על כולם, גם על צדיקים, וגם על צדיקים גמורים, וכמארז״ל[87] ד׳ מתו בעטיו של נחש, שהם צדיקים היותר גדולים, שסיבת מיתתם אינה אלא בגלל

---

77) ראה תו״ח שם תלט, ב ואילך. וראה אוה״ת פרשתנו ע׳ א׳רסו. שם (כרך ז) ס״ע ב׳תשלא.

78) בהבא לקמן — ראה תו״א פרשתנו עט, ג. תו״ח שם תמ, רע״א. אוה״ת שם ע׳ א׳רסב.

79) תהלים יט, ב.

80) ראה זח״ב קלו, ב.

81) מאמרי אדה״ז תקס״ח שם. אוה״ת שם ע׳ א׳רכה ואילך. ע׳ א׳רכז. ע׳ א׳רלה.

82) תו״ח שם תמ, סע״א ואילך.

83) בהבא לקמן — ראה תו״א פרשתנו עט, ג־ד. תו״ח שם תמ, א ואילך. אוה״ת שם ע׳ א׳רסב. מאמרי אדה״ז תקס״ח שם ס״ע תי ואילך. אוה״ת שם ס״ע א׳ריא ואילך. ע׳ א׳רכה ואילך. ע׳ א׳רלה ואילך.

84) ראה תו״א שם עט, ד. תו״ח שם תמ, ב ואילך. אוה״ת שם ע׳ א׳רסב. ועוד.

85) בראשית ב, כה.

86) שם ג, ו.

87) שבת נה, ב. ב״ב יז, א. וראה גם לקו״ש חכ״ד ע׳ 132 ואילך.

הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
תורת מנחם - ספר המאמרים (תשי״א-תשי״ב) שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד

חטא עה״ד, ולכן, גם בצדיקים גמורים שייך הענין דהרגש עצמו, וכידוע[88] שאפילו צדיק גמור עובד ה׳ ביראה ואהבה בתענוגים, אינו בטל במציאות לגמרי אלא הוא דבר בפני עצמו ירא ה׳ ואוהבו, יש מי שאוהב, ולא יגיע למעלת דביקותו בה׳ כמו שהיתה נשמתו קודם ירידתה למטה. ועאכו״כ בנוגע לבינונים ואלה שלמטה מזה, שאצלם בודאי ישנו הענין דהרגש עצמו. והסרת המחלה דהרגש עצמו אינה יכולה להיות ע״י עבודת האדם בכח עצמו, כי אם ע״י המשכה נעלית ביותר, ועז״נ והסירותי דייקא, בלשון נוכח, שקאי על עצמות ומהות א״ס ב״ה כנ״ל.

ח) **וכל** ענינים אלה נמשכים גם בגשמיות, הן בנוגע למזונא רויחא, שעז״נ וברך את לחמך ואת מימיך, הן בנוגע לחיי, שעז״נ והסירותי מחלה מקרבך, ומוסיף את מספר ימיך אמלא, והן בנוגע לבני, שעז״נ לא תהי׳ משכלה ועקרה בארצך. וכל זה נעשה הכנה לענין כניסת הארץ (שעל זה מדובר בהמשך הכתובים[89]), כן תהי׳ לנו במהרה בימינו ע״י משיח צדקנו[90].

---

88) ראה גם תניא פל״ה (מד, סע״א ואילך). פל״ז (מח, סע״א).

89) בפסוקים כז-לא.

90) חסר אריכות הדברים בסיום המאמר (המו״ל).

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
תורת מנחם - ספר המאמרים (תשי״א-תשי״ב) שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד